# פרשת ויקהל י"ט - כ"ה אדר א' תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקהל***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הר"ר משה שטערן הי"ו, שישב שבעה על פטירת בתו ע"ה (אשת הר"ר בנציון וויינגארטען הי"ו).

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הרה"ג רבי יוסף מייער שליט"א** ר"י מאור התורה, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ב סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געשטאנען, אז דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו די לוחות, לוחות כתובים משני עבריהם, מזה ומזה הם כתובים (שמות לב-טו), מען האט עס געקענט ליינען פון ביידע זייטן. פון די זייט און פון די זייט, איז עס געווען געשריבן.

**עס** איז חודש אדר, מען געפונט אין די מגילה, ווען אסתר האט געהערט אז מרדכי האט אנגעטון א זאק, און ער שרייט, ויזעק זעקה גדולה ומרה, האט אסתר געשיקט פרעגן מרדכי, לדעת מה זה ועל מה זה (אסתר ד-א), וואס גייט פאָר. זאגט די גמרא (מגילה טו.) אז זי האט אים געשיקט פרעגן, צו אפשר האבן די יודען עובר געווען אויף די תורה, וואס ביי די תורה שטייט, מזה ומזה הם כתובים. לדעת מה זה ועל מה זה, צו וויסן צו זיי האבן עובר געווען אויף די תורה, וואס איז מזה ומזה הם כתובים. און עס דארף האבן א ביאור. אז מען וויל פרעגן צו מען האט עובר געווען אויף די תורה, דארף מען נישט גיין מיט א דריידל, לדעת מה זה ועל מה זה, אז אויף די לוחות שטייט מזה ומזה הם כתובים.

**און** מרדכי האט געענפערט פאר אסתר, אז זי זאל אריינגיין צום מלך, כי אם החרש תחרישי בעת הזאת, רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר, עס וועט זיין א רווח והצלה פאר יודען, ואת ובית אביך תאבדו (אסתר ד-יד). פון וואו איז מרדכי געווען אזוי זיכער, אז עס וועט זיין א רווח והצלה ממקום אחר. עס איז נישט געווען געגנוג גזירות, וואס עס האט זיך יא אויסגעלאזט די גזירה. מען איז מתפלל, מען בעהט, מען קען איינרייסן, אבער ווי אזוי קען מען זאגן רווח והצלה יעמוד ליהודים, עס וועט זיין א רווח והצלה, אפשר וועט נישט זיין.

**ווען** דער אייבערשטער האט געענדיגט צו רעדן צו משה רבינו, און ער האט אים געגעבן די לוחות, שטייט אין פסוק (שמות לא-יח), ויהי ככלותו לדבר אל משה, האט ער אים געגעבן די שני לוחות. זאגט רש"י, ככלתו כתיב, ביי דאס ווארט ככלתו פעלט די אות ו', משה רבינו האט באקומען די לוחות אזוי ווי א כלה. איין פשט זאגט רש"י, אז משה רבינו האט נישט געקענט תופס זיין אזויפיל תורה אין די פערציג טאג, און דער אייבערשטער האט עס אים געגעבן במתנה, אזוי ווי א כלה ווערט איבערגעגעבן פאר דעם חתן במתנה. נאכדעם זאגט רש"י, אז עס איז דא כ"ד ספרי קודש, פיר און צוואנציג ספרים איז דא, וואס א תלמיד חכם דארף זיין מקושט מיט די פיר און צוואנציג ספרים, אזוי ווי א כלה וואס האט פיר און צוואנציג תכשיטים וואס איז אויסגערעכנט אין פסוק (ישעיה ג-יח), א תלמיד חכם דארף קענען תורה נביאים און כתובים, וואס דאס איז פיר און צוואנציג ספרים. א תלמיד חכם איז נישט גענוג אז ער קען ש"ס און פוסקים, ער דארף קענען חומש, נביאים, און כתובים.

**אין** ירושלמי (שקלים ו-א) שטייט, אז אויף די לוחות, צווישן איין דיבור און די אנדערע דיבור, איז געווען אריינגעשריבן תורה. דקדוקיה ואותיותיה של תורה, האט דער אייבערשטער אריינגעשריבן צווישן איין דיבור און די אנדערע דיבור. ממולאים בתרשיש (שיר השירים ה-יד), שטייט אין ירושלמי, די תורה איז אנגעפילט אזוי ווי א ים. אזוי ווי ביי א ים איז דא וואלן, און צווישן איין גרויסע וואל און די צווייטע גרויסע וואל, זענען דא קליינע וואלן. אזוי האט דער אייבערשטער אריינגעשטופט צווישן איין דיבור און די אנדערע דיבור, נאך חלקים פון תורה.

**עס** איז מסתבר צו זאגן, אז די כ"ד כתבי קודש, האט דער אייבערשטער אריינגעשריבן אין די לוחות. ווייל

די הלכה איז דאך, אז דברים שבעל פה אי אתה רשאי לכותבן (גיטין ס:), קומט אויס אז תורה שבעל פה איז לכאורה נישט געווען אריינגעשריבן אין די לוחות, ווייל מען טאר נישט שרייבן תורה שבעל פה. אבער כתבי קודש איז דאך ניתן להכתב, און דאס איז געווען אריינגעשריבן אינעווייניג בין לוח ללוח. איי מען האט דאס נישט געזעהן, מען האט נאר געזעהן די עשרת הדברות אליין, אבער היינט איז שוין דא א קאמפיוטער, וואס מען ווייסט, אז מען קען זעהן זאכן וואס איז גארנישט געשריבן. ווען מען וועט זאגן אויף א קליינעם טשיפ, אז עס איז דא דארט טויזנטער בלעטער געשריבן, וועט ער זאגן אז עס איז נישט אמת, עס איז דאך א קליינע אייזן. אבער אונז ווייס מיר, אז אין א טשיפ קען זיין אסאך זאכן. די לוחות איז אויף ווי א טשיפ, עס איז געווען אריינגעלייגט דארט כל התורה כולה. אבער עס איז מסתבר, אז תורה שבעל פה איז נישט געשטאנען, נאר תורה שבכתב. קומט אויס אז עס איז געשטאנען אין די לוחות נישט נאר די עשרת הדברות, נאר אויך אלע כ"ד כתבי קודש. ויתן אל משה ככלתו, דער אייבערשטער האט אים געגעבן די לוחות, אזוי ווי א כלה וואס איז מקושט מיט פיר און צוואנציג קישוטין, אזוי איז אויך געווען אויף די לוחות פיר און צוואנציג ספרים.

**וואס** זענען די פיר און צוואנציג כתבי קודש. פינעף איז חמשה חומשי תורה, נאכדעם איז דא אכט פון נביאים, איז דרייצן, און עלף פון כתובים. צווישן די עלף וואס איז דא אין כתובים, זענען די חמש מגילות. מגילת אסתר איז איינע פון די חמש מגילות (בבא בתרא יד:). און אז דער אייבערשטער האט אריינגעשריבן אין די לוחות אלע פיר און צוואנציג ספרים, איז אין די לוחות געווען אריינגעשריבן די גאנצע מגלת אסתר, ווייל אלע כתבי קודש האט דער אייבערשטער געגעבן פאר משה רבינו, ליגט דאך אלעס אויף די לוחות. אז עס זענען געווען צווי לוחות, און עס איז דא פיר און צוואנציג כתבי קודש, קומט אויס אז עס איז געווען צוועלף כתבי קודש אויף איין לוח, און צוועלף כתבי קודש אויף די צווייטע לוח. ז"ה איז צוועלף. זאגט דער פסוק, עס איז געווען מזה ומזה הם כתובים, עס איז געווען געשריבן צוועלף אויף איין זייט, און צוועלף אויף די צווייטע זייט.

**און** אז אין די פיר און צוואנציג ספרים ליגט שוין מגילת אסתר, און אסתר איז געווען א בעלת רוח הקודש, האט דאך שוין אסתר געוואוסט, אז עס איז דא א מגילת אסתר, און עס גייט זיין א ישועה. אז נישט איז נישט דא קיין מגילה. און אז עס איז שוין געווארן אריינגעשריבן אין די תורה מגילת אסתר, וועט אדורכגיין די גזירה פון המן. זי האט געזעהן אז מרדכי מאכט א גאנצן עסק פון די גזירה פון המן, האט זי געפרעגט מרדכי, זיי דיך מתבונן, לדעת מה זה ועל מה זה, די לוחות זענען דאך געווען מזה ומזה הם כתובים. זיי דיך מתבונן מה זה, וואס איז דער ז"ה וואס שטייט דארט. עס איז דא דארט צוועלף ספרים אויף יעדע זייט. און ועל מה זה, פארוואס האט מען געגעבן די צוועלף ספרים, ווייל עס ליגט אינעווייניג די מגילת אסתר, איז דאך נישט דא קיין פראבלעם, עס גייט זיין א ישועה פאר יודען.

**האט** אויף דעם מרדכי געזאגט, אמת עס גייט זיין א ישועה פאר יודען, עס קומט א מגילת אסתר. אבער ווי אזוי עס וועט זיין, דארף מיר אונז צוטון, אונז דארף מיר טון אונזער השתדלות. אויב דו וועסט נישט גיין, רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר, עס וועט זיין א מגילת אסתר, אבער את ובית אביך תאבדו, דו וועסט פארלוירן גיין. אויב דו ווילסט עס זאל זיין א מגילת אסתר, ווי אזוי עס זאל ווערן אויסגעשטעלט די מגילת אסתר, דאס איז תלוי אין דיר, צו דו וועסט גיין צום מלך, צו נישט. - קומט אויס, אז מרדכי האט געוואוסט אז רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר, ווייל ער האט געוואוסט אז מזה ומזה הם כתובים, האט ער געוואוסט אז עס איז דא א מגילת אסתר, און עס גייט זיין די ענין פון פורים.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הרב **שמעון שרייבער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם יצחק שפילמאן** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדייס מענאר.

*

***יום שני פרשת ויקהל***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **נחמיה פייערווערקער** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בן הר"ר **אהרן יהודא שאלאמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מרדכי יהושע קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב הרב **הערשל פאללאק** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א), עב"ג בן הרב גדלי' **ליבערמאן** שליט"א, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א**. בברכת המזון נתכבד **רבינו שליט"א** ברכה אחריתא. אחר כך רקד מצוה טאנץ לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת ויקהל</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **אשר איידליס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **לייבוש שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם שמואל זינגער** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בן הר"ר **אברהם הערש אייגנער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **טובי' אברהם שאהנפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **אשר איידליס** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת ויקהל</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **אברהם מאיר** נ"י בן הר"ר **יואל ארטנער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם קעניג** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הדינער לטובת מוסדותינו הק' במאנסי, שהתקיים באולם שע"י התלמוד תורה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז ביי מיר א כבוד צו באגריסן די אלע חשוב'ע עלטערן, און די משתתפים ביי די היינטיגע מסיבה, לכבוד די תלמוד תורה אין מאנסי. דער אייבערשטער זאל זיי אלע בענטשן, זיי זאלן זעהן שמחות און נחת ביי זייערע קינדער ווייטער אויך.

**געוועגליך** אז מען רעדט ביי א מסיבה, דארף מען זוכן עפעס אין די פרשה, וואס מען קען צושטעלן צו די מסיבה וואס מען געפונט זיך. די וואך אין די פרשה דארף מען נישט זוכן, די גאנצע פרשה איז געשטעלט, אויף ויקהל משה את כל עדת בני ישראל, משה רבינו האט צוזאמגענומען יודען, און ער האט זיי מצווה געווען אויף נדבת המשכן. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, מען דארף א בית המקדש, מען דארף האבן נדבות פון יודען, זיי זאלן אויפשטעלן דעם בית המקדש. די תורה פארציילט, אז משה רבינו האט גערעדט צו יודען, און אלע זענען געקומען, יעדער האט געברענגט זהב כסף ונחושת תכלת וארגמן. און די נשיאים האבן געברענגט די אבני שוהם און די אבני מילואים פארן אפוד (שמות לה-כז), און די תורה רעכנט אויס די נשיאים די לעצטע.

**רש"י** ברענגט שוין צו, אז די נשיאים האבן זיך מתעצל געווען צו ברענגען זייער נדבות המשכן. קודם זאלן יודען ברענגען וואס מען דארף, און וואס עס וועט אויספעלן וועלן זיי משלים זיין. און זיי האבן פארפאסט, יודען האבן אלעס געברענגט, און זיי האבן נישט געהאט וואס צו געבן, עס איז נאר

איבערגעבליבן די אבני שוהם מיט די אבני מילואים, וואס דאס איז שוין נישט געגאנגען פארן משכן אליין, עס איז נאר געגאנגען פאר די בגדי כהונה, אבער אינעם משכן אליין, זענען זיי געבליבן אן א חלק. נשאם חסר יו"ד, די תורה נעמט אוועק דעם יוד פון די נשיאים, ווייל זיי האבן זיך מתעצל געווען.

**יעדער** פארשטייט אז די נשיאים זענען געווען גרויסע לייט, און זיי האבן אויך געהאט א חשבון מיט דעם וואס זיי האבן אפגעשטופט אויף שפעטער. און פון דעסטוועגן דאך האט זיי די תורה מגנה געווען, און די תורה האט צוגענומען א אות פון זייער נאמען. בפשטות ווייסט מען דאך, אז גומר צו זיין א ענין, איז א גרויסע זאך, אין המצוה נקראת אלא על מי שגומרה (סוטה יג:), ווען א מענטש ענדיגט א זאך, ווערט עס אנגערופן אויף זיין נאמען. מען געפונט אסאך מאל אין חז"ל (ב"ר עח-יא) אחרון אחרון חביב, אחרון האט א חשיבות. זיי האבן געהאט זייער חשבון, וואס זיי ווילן זיין אחרון, און עס איז זיי נישט געלונגען. פארוואס האט די תורה זיי מגנה געווען?

**נאכדעם** פארציילט די תורה, אז יודען האבן געברענגט נדבות אן א שיעור, והם הביאו אליו עוד נדבה בבוקר בבוקר, מען האט געברענגט נאך א נדבה יעדן צופרי, ביז צוויי טעג האט מען געהאט אלע נדבות המשכן. והמלאכה היתה דים לכל המלאכה לעשות אותה, והותר (שמות לו-ז), משה רבינו האט שוין געדארפט אויסרופן, אז מען זאל מער נישט ברענגען.

**עס** קען זיין א ענין דערין. איך וועל מקדים זיין אווארט פונעם הייליגן **חתם סופר** (בפרשתנו קנח:), און עס האט א קשר צו די מסיבה היינט. דער הייליגער חתם סופר פרעגט, נאכדעם וואס מען האט געזאגט אז עס איז דא גענוג, עס איז געווען די והותר, האט משה רבינו געזאגט אז מען זאל מער נישט ברענגען. פארוואס איז מען געקומען צו משה רבינו ווען עס איז שוין געווען 'והותר', ווען עס איז שוין געווען איבריג. ווען עס איז געווען 'די', ווען מען האט געענדיגט ברענגען וויפיל מען דארף, האט מען געדארפט זאגן פאר משה, מען דארף נישט מער. עס איז געווען והמלאכה היתה דים לכל המלאכה, והותר, און נאך דעם הותר, זענען זיי געקומען זאגן אז מען דארף נישט מער, און מען זאל בעטן אז מען זאל נישט ברענגען.

**נאכדעם** פרעגט דער הייליגער חתם סופר, אז די גמרא (שבת צו:) דרש'נט פון דעם, מלאכת הוצאה, אז מען טאר נישט ארויסטראגן. עס איז געווען שבת, און משה רבינו האט געזאגט, אז מען זאל נישט ברענגען קיין נדבות אים שבת. און דער הייליגער חתם סופר פרעגט, פארוואס האט ער זיי יעצט מזהיר געווען אויף חילול שבת, ער האט דאך שוין אנגעהויבן די ערשטע פרשה ויקהל משה, אז כאטש מען דארף בויען א משכן, פון דעסטוועגן דאך איז עס נישט דוחה שבת. פארוואס האט ער נאכאמאל געזאגט, אז מען זאל נישט ברענגען וועגן די קדושת שבת.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר א דבר נפלא. אונז ווייס מיר, אז בויען א בית המקדש, בויען א בית לה', וואס מען גייט טון דארט די עבודה, איז די חשוב'סטע זאך וואס מען קען טון. די עבודה אין בית המקדש איז די העכסטע פון אלע סארט עבודת וואס איז שייך צו דינען דעם אייבערשטען. אבער עס איז דא א זאך וואס איז העכער פון בויען א בית המקדש, און העכער פון די עבודה אין בית המקדש, דאס איז תלמוד תורה. לימוד התורה שטייט העכער פון בויען א בית המקדש, און עס שטייט העכער פון די עבודה אין בית המקדש. דער חתם סופר ציינכנט צו צוויי גמרות, אנהייב מסכת מגילה (ג.), און דעם לעצטן בלאט פונעם ערשטן פרק (טז:). אנהייב מסכת מגילה זאגט די גמרא, אז עבודה מיט תלמוד תורה, איז תלמוד תורה גרעסער פון עבודה. דער מלאך האט געזאגט פאר יהושע, עתה באתי (יהושע ה-יד), איך בין געקומען וועגן יעצט, וועגן לימוד התורה. תורה איז חשוב'ער פון עבודה. אין סוף פונעם ערשטן פרק, זאגט די גמרא, אז תלמוד תורה איז חשוב'ער פון בנין בית המקדש, א ראיה פון עזרא, אז עס קומט פריער פון בנין בית המקדש. קומט אויס, אז עס איז דא זאך וואס איז חשוב'ער פון בויען א בית המקדש, לערנען תורה איז די חשוב'סטע פון אלעם.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר ווייטער, אין מדרש (הגדול שמות לו-ז) שטייט, וואס האט מען געטון מיט די געלט וואס איז איבערגעבליבן? פון דעם האט מען געבויט א בית המדרש צו לערנען. אלה פקודי המשכן משכן העדות (שמות לח-כא). פקודי המשכן איז דער משכן אליין, און משכן העדות, פונעם איבעריגן געלט האט מען אויפגעשטעלט א משכן צו

לערנען תורה. קומט אויס, אז ווען עס איז אריינגעקומען געלט די והותר, און עס איז געווארן יעצט, אז עס איז דא געלט נישט נאר פאר א משכן, נאר אויך פאר א תלמוד תורה. האט משה רבינו חייש געווען, אז יודען וועלן זאגן, אמת טאקע אז שבת ווערט נישט נדחה פאר בויען א בית המקדש, אבער צו ברענגען געלט אין שבת פאר א בית המדרש, וואו מען וועט זיצן און לערנען תורה, אפשר דאס מעג מען יא, ווייל תלמוד תורה איז גרעסער פון בנין בית המקדש. האט משה רבינו געדארפט זאגן שפעטער פאר יודען, אז מען טאר נישט טון קיין מלאכה. עס קומט שבת, מען זאל נישט ברענגען מער קיין נדבות פארן משכן, ווייל פאר דעם איז אויך נישט דוחה שבת. - ממילא איז גוט פארוואס מען האט געווארט ביז והותר. ווייל דאס וואס איז געווען דים, האט מען נישט געדארפט זאגן אז מען זאל נישט ברענגען, עס איז דאך שבת, האט מען נישט געקענט ברענגען. אבער אז עס איז געווען והותר, מען גייט בויען אויך א פלאץ פאר תורה, תורה שטייט העכער פון בנין בית המקדש.

**עס** איז א געוואלדיגער מוסר השכל. ווער וואלט דען נישט אלעס אוועקגעגעבן ווען עס קומט פאר אן אפיעל צו בויען א בית המקדש, איך דארף א בית ה', וואלט יעדער אוועקגעגעבן וואס ער האט, כדי אויפצובויען א מקדש. און עס איז דא חשוב'ער פון א בית המקדש, תלמוד תורה איז חשוב'ער פון עבודה אין בית המקדש. דער חשיבות וואס יודען קומען זיך צוזאם, און מען גיט אוועק געלט, אז מען זאל קענען מגדל זיין די קינדער צו תורה, וואס פאר א געוואלדיגע חשיבות עס האט.

**און** יודען האבן פארשטאנען די חשיבות, והם הביאו אליו עוד נדבה בבוקר בבוקר, יעדן צופרי איז געקומען פרישע נדבות. 'והם' הביאו, זיי האבן געברענגט, עוד נדבה בבקר בבקר. דער פשט דערפון איז, יעדער יוד האט געגעבן נדבות המשכן, דער **אור החיים הק'** (לו-ג) זאגט, אז אין איין טאג האט מען אלעס געגעבן. געלט וואס מען האט געהאט גרייט, האט מען שוין אוועקגעגעבן תיכף דעם ערשטן טאג. יעדער האט געברענגט זיין נדבת המשכן, וויפיל ער האט פארשטאנען אז ער קען געבן פון זיין געלט צו בויען א משכן פארן אייבערשטען. ווען ער האט געענדיגט צו געבן זיין נדבה, און ער איז אהיימגעגאנגען, און ער האט זיך געלייגט שלאפן ביינאכט, האט ער איבערגעטראכט ביי זיך, האב איך טאקע געגעבן פארן אייבערשטען וויפיל מען דארף צו געבן? האב איך געגעבן פארן באשעפער, וויפיל עס פאסט זיך איך זאל געבן א נדבה צו בויען א בית ה'? און ער האט נישט געקענט שלאפן, עס האט אים גערודערט, 'איך האב נישט גענוג געגעבן צו בויען א בית ה', אי"ה מארגן צופרי שטיי איך אויף, און איך גיי ברענגען נאך', און ער האט געברענגט נאך. און אזוי איז געווען דעם אנדערן צופרי. ער האט זיך געלייגט שלאפן די אנדערע נאכט, א ערליכער יוד מאכט א חשבון הנפש, איך האב נאך אלץ נישט גענוג געגעבן. דעם אנדערן טאג איז ער געקומען, און ער האט געברענגט נאך און נאך. 'והם', די פריער'דיגע וואס האבן שוין געברענגט זייערע נדבות נעכטן און אייערנעכטן, זיי האבן געברענגט א נדבה בבוקר בבוקר. ער האט נישט געקענט שלאפן די גאנצע נאכט, און צופרי, פארטאגס, - וואו עס שטייט בוקר צוויי מאל, מיינט עס בוקר פארן בוקר - פארטאגס איז ער שוין אויפגעשטאנען, און ער האט געברענגט עוד נדבה בבוקר בבוקר. זיי האבן פארשטאנען די חשיבות פון בויען א בית ה', און זיי האבן אלץ געפילט, אז זיי האבן נישט יוצא געווען ידי חובתם, מיט וואס זיי האבן געטון. און זיי האבן געברענגט נאך א נדבה, און נאך א נדבה, בבוקר בבוקר.

**די** נשיאים האבן געהאט א חשבון, זיי האבן נישט געברענגט תיכף, זיי ווילן זיין פון די וואס וועלן גומר זיין. גאנץ א פיינע כוונה, זיי וועלן ענדיגן וואס מען דארף האבן צום בית המקדש, און עס וועט גערופן ווערן אויף זייער נאמען. אמת, עס איז זייער א פיינע כוונה צו ברענגען שפעטער, אבער ווי אזוי האסטו געקענט אדורכגיין צוויי טעג, און יעדער ברענגט א נדבה פארן משכן, יעדער גיט א האנט פארן בית ה'. און דו קענסט זיין ביי דיר אינדערהיים און שלאפן, און זאגן איך וועל שוין ברענגען מארגן, איך וועל ברענגען איבער-מארגן? דאס קומט פאר נשיאים?! דו ווילסט גומר זיין, וועסטו צוגעבן שפעטער צום גומר זיין. אבער פארלאזן זיך אויפן גמר, דעמאלטס וועל איך געבן. פארוואס האסטו געקענט זיין רואיג ביי דיר אינדערהיים, צוויי טעג נעמט מען צוזאם געלט פאר נדבת המשכן, און דו ביסט זיך נישט משתתף, און דו האסט נישט קיין חלק דערין. האט

די תורה זיי מגנה זיין. די תורה זאגט, אמת דיין כוונה איז געווען גוט, דו האסט געוואלט ברענגען צום סוף, עס זאל ווערן אנגערופן אויף דיין נאמען, אבער ווי אזוי האסטו געקענט זיין רואיג און זיצן אין שטוב, ווען מען ברענגט נדבת המשכן, און דו האסט נישט קיין חלק.

**האט** די תורה צוגענומען דעם אות יו"ד וואס איז דא אין די נשיאים, די פינטעלע יוד פעלט זיי. ווען דו וואלסט געהאט די פינטעלע יוד, וואס א יוד דארף צו האבן א ברען פארן אייבערשטען, וואלסטו נישט געקענט זיצן רואיג אינדערהיים, ווען דו ווייסט אז מען בויט א בית ה', און דו האסט נאך נישט געהאט קיין חלק דערין. אז דו קענסט איבערלאזן דעם בית ה', און איך וועל שוין ברענגען מארגן איבער-מארגן, זענען זיי נענש געווארן דערויף. עס פעלט א חלק פון דיין נשיאות, עס פעלט פון דער יו"ד וואס א יוד דארף האבן אין זיך, דאס האט די תורה צוגענומען.

**און** עס איז זיי נישט געבליבן צו ברענגען שפעטער, נאר די אבני שוהם און די אבני מילואים. אמת אבני שוהם און אבני מילואים איז געווען אסאך געלט, א גרויסע נתינה וואס זיי האבן געגעבן, אבער פאר די תורה איז חשוב'ער א קלענערע נתינה וואס א מענטש גיט פונעם הארץ, און ער ברענגט עס באצייטנס, ער לויפט תיכף ווען ער הערט אז מען דארף בויען א משכן, ברענגט ער זיין נדבה, דאס איז ביים אייבערשטן חשוב'ער, פון דעם גרויסן טשעק וואס ער וועט ברענגען שפעטער ווען מען וועט גומר זיין. ווייל די חשיבות איז, ווען א מענטש גיט אוועק זיין הארץ פארן אייבערשטען, און ער האט א ברען צו געבן פאר נדבת המשכן, דאס איז די חשיבות פון די נדבות.

**ב"ה** די תלמוד תורה דא אין מאנסי פירט זיך אזוי שיין, איך קען נישט גענוג באדאנקען פאר אונזער חשוב'ער מנהל רוחני, וואס האט אריינגעלייגט, און לייגט אריין, אזויפיל כוחות, צו פארבעסערן דעם מוסד, אז יעדעס קינד זאל ארויסקומען מיט די שלימות, וואס א תלמוד תורה קען צוגעבן צום חינוך פון א קינד. עלטערן דארפן זעהן אליין מחנך צו זיין קינדער, מען טאר זיך נישט פארלאזן אויף די חינוך פון א מוסד. די עיקר יודישקייט קויפט מען נישט פונעם תלמוד תורה, דאס קויפט מען אינדערהיים.

ווי אזוי עלטערן פירן זיך אויף, דאס טוט מחנך זיין א קינד. די תלמוד תורה איז געבויט אויף צו לערנען תורה מיט יודען, אבער דאס יודישקייט, דאס ברען צו יודישקייט, דאס דארף קומען פון די שטוב. די תלמוד תורה פראבירט צוצושטעלן וואס מען קען משלים זיין, וואס עס פעלט אסאך מאל ביי קינדער.

**דער** חשוב'ער מנהל גשמי, יוחנן זאל זיין געזונט, מען האט שוין פריער געהערט, נישט איין מאל און נישט צוויי מאל, וואס פאר א כוחות ער לייגט אריין, וואס מען זעהט די פירות דערפון. מען האט אויפגעשטעלט דעם מוסד אויף די פיס, און זיינע פלענער זענען נאך גאר ווייטע פלענער אויף צו בויען ווייטער תורה. וויל איך נאר אזויפיל ווינטשן, אז דער אייבערשטער זאל געבן די אלע וואס האבן א חלק אין עבודת הקודש, די אלע חשוב'ע משתתפים, וואס יעדער איינער פאר זיך, פארשטייט די חשיבות פון מגדל זיין קינדער אויף תורה. מען האט פריער געהערט, אז קינדער דאס איז די איינציגסטע פארמעגן וואס בלייבט פאר א מענטש אויף שפעטער, אלע אנדערע זאכן לאזט א מענטש איבער, אין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-ט), דאס איז די קינדער וואס מען לאזט איבער, וואס האט א המשך פון תורה ומעשים טובים, אויף אלע דורות שפעטער. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, מען זאל קענען מגדל זיין אונזערע קינדער אזוי ווי עס דארף צו זיין. עס איז דא שווערע נסיונות אין היינטיגן דור, אז מען זאל קענען מחנך זיין ערליכע קינדער. מען דארף שעצן יעדן מלמד וואס לייגט אריין זיינע כוחות פאר די קינדער זאלן קענען שטייגן. פון צייט צו צייט אינזין האבן א מלמד וואס טוט פאר די קינדער. אין דעם זכות וועט דער אייבערשטער אונז געבן, מיר זאלן זוכה זיין, עס זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער. משנכנס אדר מרבין בשמחה, מען זאל זוכה זיין צו די גרויסע שמחה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

__*יום חמישי פרשת ויקהל*__

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'.**

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **אפרים אהרן** נ"ו בן הר"ר **יהושע דוד פליישער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמעי' מארגען** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א.**

אחר כך הגיעו הנהלת חבורת 'דרשו', להזמין את **רבינו שליט"א** לסיום סדר מועד, שיתקיים במוצאי שבת פרשת פקודי הבעל"ט.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **יהושע דוד פליישער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***<u>ערב שבת קודש פרשת ויקהל</u>***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **דוד יהודא מאשקאוויטש** ע"ה.

*

***<u>שבת קודש פרשת ויקהל - שקלים</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יהושע שליט"א.**

בקריאת התורה התקיים הבאווארפען של החתן **משה ארי'** נ"ו, בן הר"ר **נחמיה גיידא** הי"ו. **רבינו שליט"א** עלה לעליית מפטיר, ועבר לפני התיבה בתפלת מוסף. אחר התפלה התקיימה קידושא רבה לכבוד השמחה.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק הרבנים הגאוה"צ מזידיטשוב, זידיטשוב חרדים, באלחוב שליט"א,** שישבו שבעה על פטירת אחותם הרבנית מתולדות אהרן ע"ה.